## א וואָרנונג אויף ווייטער

(צו די אָרגאַניזירער פון דער פייערונג לכבוד די געסט)

ביים שליסן דאָס היינטיקע העפטל זײַנען מיר לײַדער געצוווּנגען אויפמערקזאַם צו מאַכן די אָרגאַניזירער פון דער פייערונג לכבוד די געסט פון סאָוויעט רוסלאַנד, מיכאָעלס און פעפער (נאָך דער דערפאַרונג פון דער לעצטער טויזנטער קעפּיקער פאַרזאַמלונג פונם 10־טן אָקטאָבער), אַז די גרויסע געסט זײַנען אָנגעזעענע ייִדיש־רעדנדיקע קינסטלער, און ס׳איז טאַקטלאָזיקייט ניט צו הערן אויף אַזעלכע פאַרזאַמלונגען קיין איינציק ייִדיש וואָרט. אויב די אָרגאַניזירער וועלן ווײַטער אַזוי אָנגיין וועט עס זײַן נישט נאָר אַ דערנידערונג פון ייִדיש און ייִדיש־רעדנדיקן מענטש, (וואָס פון זיי שטעלט זיך דער עולם נײַנציק פּראָצענט צוזאַמען), נאָר אויך אַ גרינגשעצונג פון די געסט, וואָס בעיקר זײַנען זיי דאָך ייִדישע קינסטלער.

## מיטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין יידישן שעלטער, 63, מענסעל סטריט, א.1.—3 אַזייגער)

שבת, דעם 16־טן אָקטאָבער, אַ נאָכמיטאָג לכבוד חו״מ סוכות. שלמה אויערבאַך וועט האַלטן אַ פאַרטראָג איבער קהלת. מ׳וועט פאַרלייענען פרץ׳עס איבערזעצונגען. א. מ. ראַכמאַן וועט פאַרלייענען י. ל. פרץ׳עס „נעילה״; י. ביטש, אַ שלום־עליכם הומאָרעסקע. עס באַטייליקן זיך נאָך די שוישפּילערין דאָראַ דימאַנט.

שבת, דעם 23־טן אָקט., אַ שבת־בראשית נאָכמיטאָג מיטן טראַדיציאָנעלן פּראָגראַם. דער זינגער יוסף ווייס, וועט אויך זינגען שמחת תורה פאָלקס־לידער.

שבת, דעם 30־טן אָקט., אַ פאַרלעזונג איבערן שאַפן פון איציק פעפער. אייזיק גאָלדבערג, מאיר נוסנבוים וועלן דעקלאַמירן פעפערס לידער די שוישפּילערין דאָראַ דימאַנט וועט רעציטירן די „באַלאַדע וועגן קאַנעווער באַרג״.

שבת 6־טן נאָוועמבער, אַ פאַרטראָג איבערן ייִדישן טעאַטער. איבער די פּערזענלעכקייט פון ש. מיכאָעלס און זײַן שאַפן וועלן ריידן משה עובר און א. י. ליסקי.

שבת, דעם 13־טן נאָוו., פאַרלעזונגען פונם ייִדיש־סאָוויעטישן שאַפן פון דוד בערגעלסאָן, דוד האָפשטיין און אַנדערע סאָוויעטישע שרייבער און דיכטער.

**א. נ. שטענצל**

פאַרלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי, 129־131, קאָוועל סטריט, א.1.

6 פענס



# יידיש-טעאטער

## דעם „פאלקס-ארטיסט״, אנפירער פון מאסקווער יידיש קונסט-טעאטער,—פראפעסאר ש. מיכאעלס

יאָ, דאָס וואָס איר האָט געזען שפּילן אין גרענד פּאַליי און אַדלער סטריט, דאָס איז אונזער בינע־קונסט דאָ — דאָס און נישט מער! און ווי אָרעם וואָלטן מיר ערשט געווען און וואָסער פּוסטקייט וואָלט געהערשט אין אונזערע סמוטנע־היימישע געסלעך, ווען די ספּעקטאַקלען וואָלטן זיי נישט באַלעבט און אָפּגעמונטערט; ווי וואָלטן אונזערע הערצער אויסגעגאַנגען פון אַזאַ ווייסט באַגעניש, פון אַזאַ צאַפּלדיק בענקעניש, ווען זייער מרה־שחורה וואָלט נישט אויפגעהייטערט געוואָרן כאָטש פון די־אַ לידלעך. און באַוואַשנדיק זיך מיט טעאַטער־טרערן, שטייען דאָך אויף אונזערע שטעטלעך תחית־המתים—באמת, זיי וועלן בלייבן ווירקלעך לעבעדיק, ווייל עקזיסטירנדיק אין אונזערע איינגעבאַקענע הערצער, אין אונזערע קינדער־זכרונות אַזוי אין־ספיק הייליק.

דאָס וואָס איר האָט געזען איז די „קונסט״ פונם אומבאַהאָלפענעם האָרעפּאַשנעם מענטש, וועלכער וואַרפט אַלץ שוין אַריין אין איין טאָפּ אַריין, אַלץ וואָס ס׳איז אים נאָך געבליבן פון זיין מיט זיך מיטגענומענעם צידה־לדרך, אין זיין נע־ונד־זיין, — צו אַ לעצטער אָרעמער־מאָלצייט! — די געזאַלצענע טרער איז אויך נאָר, כדי דאָס ביטערע מאכל כאָטש אַ ביסעלע באַטעמ׳טער צו מאַכן...

די ווילנער טרופּע האָט אונטער זיך געהאַט ווילנע — אַ ווילנער גאון טראַדיציע! אינם פּוילן נאָך יענער מלחמה האָט נאָך געקאָנט אַריין אַ „דיבוק״! איז עס נישט פּרץ׳עס „שטריימל״ אַרום וועלכן מ׳האָט ווידער אויפסניי אָנגעהויבן פּראַווען עכטע אמתע „טישן״? פון טשיף־ראַביי־רעווערענדס, פון גענזלפּיסלדיקע „צדיקים״ און „גאונים״ קאָן נאָר אַזאַ ספּעקטאַקל־ און אָפּערעטן־קונסט געפאָרעמט ווערן — קאָן איבערגעניטשעוועט ווערן נאָר אַזאַ שפּינגע־דעגינגע פון אַ ווייס זיידן זשיביצל, נאָר אַ „גן עדן פאַר צוויי״ קאָן מען ירש׳ענען — נישט מער!

און דאָס האָט בכלל נישט צו טון מיטן מאָס טאַלענט פון אונזערע ליבע אַקטיאָרן דאָ! אַ סך פון זיי וואָלטן געקאָנט זיין פּראַכטפולער מאַטעריאַל פאַר אַ מלוכיש קונסט טעאַטער, פאַר אַ קונסט־בינע אין אַ ישוב ווו דער יידישער אינטעליגענט און האָרעפּאַשניק גלויבן אין זייער ווייטערער שעפערישער עקזיסטענץ, אַרבעטן און באַשיצן זייערע גייסטיקע קולטור־אוצרות — עס מוזן זיין די פרוכפּערנדיקע ברואים־מאַסן, וועלכע אָטעמען אַרויס פון זיך אַ געזונטע אַטמאָספערע, אַז עס זאָל קאָנען בליען און צייטיקן אַ נייער ווידערוווקס!

איז די ווילנער טרופּע נישט צעבראָכן און צעפּיצלט געוואָרן, ווי נאָר זי איז אַרויס פון אירע דלד־אמות, פון איר גייסטיקער אַטמאָספערע — אויף דער

גרעניץ פון פוילן, אין בערלין שוין איז עס געשען! און וואַלט נישט געווען געשען דאָס זעלבע אומגליק, חלילה, מיטן מאָסקווער מלוכהשן קונסט טעאַטער אין בערלין, ווען נישט איר, מיכאַעלס, וואָס האָט זיך געשטעלט בראש פון דער אויסגעפּרוווטע חברים־קינסטלער און דעם נסיון אויסגעהאַלטן, און די טרופּע צוזאַמענגעהאַלטן.

און אַז איר האַלט אויס און אַזוי גרויס געוואַקסן אין אייער קונסט איז עס דאָך דער באַוויז, — דער באַוויזענער סימפּטאָם! — פון דער געוואַלטיקער גייסטיקער און קולטור־שעפערישער אַטמאָספערע פונם סאָוויעטישן יידנטום. און דאָס־אָ איז די גרויסע פרייד אונזערע, צו וויסן און צו זיין זיכער, אַז דאָס אייראָפּעאישע יידנטום איז, חלילה, נישט אויסגעוואָרצלט געוואָרן מיט איר שורש; אַז אונזער טראַדיציע זיך פאַרמענדיקע קולטור שטעקט מיט אירע וואָרצלען אינם באָדן פון וועלכן מיר זיינען אַרויסגעוואַקסן, און וואַקסט ווייטער און צייטיקט אין איר געזונטער אַטמאָספערע מיט די זאַפטיקסטע און האַרץ־דערפרישנדיקסטע פירות.

דער טשיף־ראַביי האָט שטיקלעך טענות צו דער יעווסעקציע, ציוניסטיש־פאַראינטערעסירטע ווילן רק וויסן נאָך־מלחמה תכלית — דעם ערשטן, מיט גרויס כבוד צו זיין אַמט און זיין פערזאָן, קאָן מען זאָגן אַז דאָס מאָסקווער יידישע קונסט־טעאַטער איז אַ גייסטיגע פּראָדוקט פון יידישע קולטור אַרבעט און אירס אַן „אַנטי־רעליגיעזע“ אויפפירונג האָט אין זיך אַזויפיל רעליגיעזע פאַרטיפטע יידישלעכקייט נישט ווייניקער ווי אַ צערעמאָניע פון אַ וועלכע נישט איז לאָנדאָנער סינאַגאָגע. און יענע, וואָס האַלטן אין איין פערפלאַנצן זיך מיט „יער־הערצל־ביימער“, ווילט זיך זאָגן: זאָרגט איר זיך אַ סך פאַר דעם „באשר הוא שם“ וועניגסטנס, פון ריינע יידישע פאָרם און יידיש־געפאָרעמט וואָרט? פאַרדאָרשט עס דען נישט דאָ ווי יענץ שפחה־קינד אין דער וויסטעניש?

באמת, אונזערע יידישע טעאַטערס דאָ, ווי אָרים זיי זאָלן נישט זיין, ווען זיי פירן אַמאָל אויף אַ קלאַסיש יידישע דראַמאַ איז יום־טוב אין אונזערע וואָכעדיקע געסלעך — דאָ, אין דעם פאַרחושכטן, פאַרנעפּעלטן־גרויען ווייטשעפּעל, שפּירן מיר ווי ס'וואָרצלן זיך אונזערע הערצער! ווי די חדר־יינגלעך, מיט די קאַלירטע פעט־פאַרשמירטע לאַמטערן, ווערן זיי פאַרשייט גלויבנדיק, זינגענדיק אין די קאַלטע פינסטערניש אַריין: „שומר ישראל, שומר שארית ישראל!“ אָ, און אַז איר דאָרט איצט אין אייער שווערן און האַרטן קאַמף אין סאָוויעט־רוסלאַנד, האָט נישט פאַרגעסן אין יידישער נצחדיקייט, וועט דאָך אונזער גייסטיקייט נישט בלייבן קיין ליגנט חלילה.

א. נ. ש.

---

## פראפ. ש. מ. מיכאעלס

דער באַרימטער פאָלקס אַרטיסט פון סאָוויעטן פאַרבאַנד און קינסטלער־שער לייטער פונם מאָסקווער יידישן מלוכה טעאַטער, פּראָפ. ש. מ. מיכאָעלס, איז געבוירן געוואָרן אין דווינסק אין יאָר 1890.





ש. מיכאעלס אין „200.000“ פון שלום־עליכם

זיין טעאַטער טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן אין 1918 אין דער סטודיע פון דעם יידישן טעאַטער אין לעגינגראַד. דאָן איז מיכאָעלס צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן אין דער ראָלע פון „אוריאל אַקאָסטאַ“ אין וועלכער ער האָט שוין איבערראַשט אַלע זיינע אַלטע און יונגע קאָלעגן שוישפּילער.

אין 1920 ווערט די סטודיע אַריבערגעפירט קיין מאָסקווע און פאַרוואַנדלט אין דעם מאָסקווער יידישן מלוכה טעאַטער (1925). אין משך פון דעם אויבענ־דערמאַנטן פעריאָד ענטוויקעלט זיך דער טאַלאַנט פון מיכאָעלס אין גאָר אַ גרויסן פאַרנעם. זיינע הויפט ראָלן אין וועלכע ער האָט זיך געשאַפן זיין וועלט נאָמען זיינען „שימעלע סאָראָקער“ אין „200,000“ פון שלום עליכם, „בנימין“ אין „מסעות בנימין השלישי“ פון מענדעלע, „דער בדחן“ פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“ פון פרץ, „האָצמאַך“ פון „די באָבע יאַכנע“ און אחרון אחרון חביב „קעניג ליר“ פון שעקספיר. די ראָלע האָט ש. מ. מיכאָעלסן באַרימט געמאַכט אין דער גאַנצער גרויסער טעאַטער וועלט און אַרויסגעבראַכט צווישן די גרעס־טע כוחות און שטערן פון דער רוסישע טעאַטער וועלט וועלכע איז זייער רייך מיט גרויסע וווּנדערבאַרע טאַלאַנטן. פאַר זיינע לייסטונגען אויפן קינסטלערישן געביט איז ש. מ. מיכאָעלס באַערט געוואָרן מיטן טיטול פראָפעסאָר און מיטן גרעסטן אָרדער פונם סאָוויעטן פאַרבאַנד — לענין־אָרדער. דאָס אַלעס קען געשען אין סאָוויעטן פאַרבאַנד, ווו ס'ווערט געגעבן די מעגליכקייט דעם מענטשן זיך צו ענטוויקלען און ווו שפעטער ווערט אָנערקענט זיינע לייסטונגען אויף דעם געביט. מיר יידן מעגן זיין שטאָלץ וואָס מיר פאַרמאָגן אַזעלכע גרויסע קינסטלער ווי פראָפ. ש. מ. מיכאָעלס.

מאַרק מאַרקאָוו (דירעקטאָר פונם לאָנדאָנער יידישן טעאַטער)

# טעאַטראַלער קולט און בינע־קונסט

א. נ. שטענצל

1.

טעאַטער איז דער פרימיטיווסטער, אומיטלבאַרסטער און דער דירעקטעס־טער צוגאַנג צו קונסט און גלייכצייטיק קאָן עס זיין דער קאָמפליצירטעסטער און ראַפינירטעסטער פאָרעם־אויסדרוק.—

אָן יעטווידן מאַטעריאַל, אָן שום געצייג, מיט זיין אייגענעם נאַקעטן לייב פאַרעמט דער בינע־קינסטלער זיין אייגענעם גוף, זיין יעטווידעס אבר — אַלע געשטאַלטן קאָן זיין פנים אָננעמען, אַלע קאָלירן און שטריכן קאָן עס באַקומען, און פון זיין רוקן האַקט ער אויס די פלאַסטישסטע באַוועגונגען, און פון זיינע צוויי פויסטן קאָן ער גאַנצע טשאַטעס טויבן לאָזן אויפפליען און הינט אין געהעצטן געיעג. יאָ, אינגאַנצן גאָר קאָן ער אויפהערן צו זיין, בטל ומבוטל קאָן ער ווערן—אַ בלאַסער שאָטן פון אים בלייבט קוים נאָך איבער, אויף אַ שפּיץ פון אַ וואַנט, אויף אַן עק פון דער פאַדלאָגע, אין טונקלען ווינקל פון באַלטן, און פול מיט אים איז די גאַנצע בינע און אַלע הערצער באַוועגן זיך אין גלייכן טאַקט.

און אומגעקערט, אַלע מאַטעריאַלן קאָנען צו ווייניק זיין פאַר גרים, פאַר קאָסטיום, פאַר אַקוסטיק און באַוועגונג—אַלע קונסט־פאָרמען קאָן די בינע אין זיך אויפנעמען פאַר אַטריבוטן נאָר צו איינאיינציקע געשטאַלט.

יאָ, די גאַנצע נאַטור, דער גאַנצער אַרום איז קוליסע בלויז פאַר אַ נאַ־קעטע נעגערין, ווען זי טאַנצט פאַרטיפט אין זיך,—אין יעטווידן קנייטש און



פעלדל פון איר לייב! — איר ווילדן בויך־טאַנץ. זיין ערשט־געבאָרענעם זון שחט אַ טאַטע און ס'איז די גרעסטע „האַנדלונג“ פון זיין באַוועגט האַרץ. אַ, און ווערן נישט מיליאָנען זין איצט געשאַכטן און געקוילעט און — און ס'איז נישט מער ווי טעאַטער! . . .

בינע־קונסט איז קודם־כל קולטיווירטער קולט! דאָס וואָס בלינדער גלויבן, וואָס אומיטלבאַרע נאַטור האָט געוואָגט און געווירקט, ווערט דורך איינבילדונג און וויזיע פאַרמענדיקע ווירקונג. און קאָן מען דען אָפּטיילן איינס פונם אַנדערן, אָוועקנעמען די סיבה פונם מסובב? אָבער דאָס נישט פאַרמישן די יוצרות, דאָס פונאַנדערנעמען איינס פון צווייטן, די שעפערישע ליניעס קענען ציען „בין מים למים“, איז די גראַדן־ליניע, דער סקאַלן־ניוואָ פון בינע־קונסט, פונקט ווי פון יעדער אַנדערער קונסט־פאָרמונג. ס'איז דאָס קולטיווירטע־סיסטעמאַטישע, דאָס מאַטעמאַטיש־פריציזע, דאָס ריטמיש־גע־סדרטע, וואָס פערוואַנדלט דאָס פלעגמאַטיש־צערמאָניאַלע, דעם טעאַטראַלן־קולט אין דינאַמישע שעפערישע באַוועגלעכקייט; טראַדיציע ווערט געפאָ־רעמטע בינע־קונסט! בלינדער פאַטום און גורל, גלויבן און נאַטור ווערט דורך די טראַגישקייט פונם מענטש, דורך זיין קאָמישקייט דראַמאַטישע האַנד־לונג.

דער גרויסער שוישפילער־קינסטלער באַוועגט זיך אויף דעם שטריך צווישן איינבילדונג און ווירקלעכקייט, באַלאַנסירט מיט זיין עלאַסטישן גוף ווי אַ שטריק־גייער וואָס קלעטערט צווישן הימל און ערד—זיין באַוועגלעכער גוף גופא מוז ווערן ווירקנדיקע־ווירקונג מוז זיין סיבה און מסובב, דעם שאַ־פערישן יש־מאין מוז ער אַרויסגעפינען פון דער אינערלעכקייט פון זיין יעטווידן אבר. דער סקולפטאָר באַלאַנסירט אין דעם תוהו ובהו פון זיין און נישט זיין מיט זיין דלאָט און האַמער, און פון דעם תהום איבער וועלכן ער קלעטערט, רייסט ער דאָס שטיק פעלדז, עס אויסצופאָרמען; אויף דעם בין־השמשות ראַנד צווישן הימל און ערד טוט עס דער מאָלער מיט זיין פענזל מיט יעטווידן ניואַנס פון זיינע קאָלירן. און מיט זיין פעדער, מיט זיין בליישטיפט—דער וואָרט־קינסטלער; און ער ראַטעוועט זיך איבערן ים פון זיינע ברויזנדיקע געדאַנקען און געפילן. פאַר דעם שוישפילער, אָבער, איז זיין אייגענער לייב די מאַטעריע און דאָס געצייג פאַר זיין פאַרמענדיקע קונסט, און שטייענדיק אויף די „טעאַטער־ברעטער“, אויף דער בינע, איז יעטווידע געשטאַלט, וואָס ער שאַפט פון זיין אייגענעם בלוט אַרויס, אַ געראַטעוועטע לעבן פון אויפשטורעמ־דיקע כוואַליעס, פונם געשטילטן טיפן תהום אַרויס, זיך ראַטעווענדיק אויף אַ שווימענדיק ברעט — יעטוועדע לעבעדיקע רגע מוז זיין אויסגערעכנטער, אויסגעצירקלטער באַלאַנס!

2.

שוישפילער־קונסט איז די באַוועגלעכע פלאַסטיק אויף וועלכער דער „לא תעשה לך פסל“ איז נישט חל געווען, ס'האָט אויך אין זיך דאָס ספּעציפיש

יידישע, כסדר זיך פאַרמענדיקע פון „פּושט צורה ולובש צורה“; שוישפּילער־קונסט איז נישט נאָר די שעפערישע פאָרעם פון פאַרוואַנדלונג, וואָס איז אַזוי נאָנט אונזער נצחיות, נאָר אויף אונזערע אייביקע וואַנדלונגען האָט זי לייכט געקאָנט מיט אונז מיטוואַנדערן און איבערקומען צוזאַמען מיט אונז אַלע אונזערע נסיונות — עס איז די פּלאַסטיק־פאָרעם אונזערע, וועלכע מיר האָבן כסדר שעפעריש פאַרוואַנדלט; אין אונזער פאַרשטיינט שווערן לעבן האָבן מיר דעם שוואַרצסטן גראַניט מיט אונז מיטגעפירט פאַר פרישע געשטאַלטונג — די מאַטעריע האָט אונז קיינער נישט געקאָנט אַוועקנעמען!... (באַרימטע יידישע שוישפּילער זיינען שוין באַקאַנט געווען אין אַלטן רוים, נאָך פאַר דער נייער צייטרעכנונג).

און איז נישט אונזער ערשטע בינען־סצענאַריע, די געוואַלטיק ווירקנדיקע, די איינבילדנדיקע־האַנדלדיקע און העלדן פאַרוואַנדלדיקע, דער הר המוריה, ווו אברהם שעכט דאָס שעפּסל אנשטאָט זיין זון? איז דאָס נישט אונזער ערשטער בייגעקומענער נסיון, פאַרוואַנדלט אינ'ם פעלזן־פאַרפּעסטיקטן פון אונזער נצחדיקן זיין? אָ, יענער הימלישער רעפּליק „אל תשלח ידך אל הנער“! איז ער נישט אונזער אַבסאָלוטער קולטור־אונטערשיד — צום חילוק פון דער גריכישער! — פונם „עדיפּוס־קאָמפּלעקס“? אָ, דער רחמנות־ און גענאַד־ און געוויסן־קאָמפּלעקס אונזערער, וואָס געוויסערט תמיד מיט אונזער בלוט; ס'איז דאָס אויסלייזן זיך, דאָס כופר־געלד, ואַלץ פאַר יענעם פאַרוואַנדלדיקן שעפּעלע פאַר וועלכן מיר קאָנען זיך אַלץ נישט אָפּצאָלן און אויסצאָלן.

איז דאָך דער גאַנצער ספר „ויקרא“ דאָס רעזשי־בוך פאַר יענער איינבילדנדיקער ווירקונג, פון יענעם ערשטן גרויסן דערלעבעניש — ווי פּרעציז ס'איז דאָס דער „תכלת וארגמן ותולעת שני“ פון יעטווידער קוליסן־יריעה, די צאָל און די מאָס פון יעטווידן ברעט! און די גאַרדעראָבע פאַר יעטווידן כהן־„סטאַטיסט“ און הויפּט־העלד, דעם כהן־גדול, ווי פּינקטלעך ס'איז דאָס פאַרגעשריבן! און ווי גענוי ס'איז דאָס געצייכנט די „אויסשטאַטונג“ פון יעטווידער כלי, פון יעדן מינדסטן האַנט־פּאַס און מנורה־רערל. און דער „הדק הדק“, „היטב היטב“, — דאָס פאַרמאַצויטישע פּרעציזע און קאָסמעטיש־טעכנישע! — פונם מאַכן דאָס קטורת —

די גענויע פּינקטלעכקייט, די אויסגערעכנטע פּרעציזקייט, דאָס האַלטן זיך אַזוי ביים פאַרגעשריבענעם טעקסט, פונם שטרענגען סדר, דאָס איז קולטור. אַזוי און אַזוי דווקא מוזן זיין אויסגעשטעלט די באַשטימטע איידלשטיינער, — די אַזעלכע און אַזעלכע, אַזוי פיל און אַזוי פיל און אין צאָל און אין די און די שורות, — אינם חושן, אַז זיי זאָלן קאָנען רעפלעקטירן די הייליקע שיינען פון וויזיעס און התגלות, אַז זיי זאָלן קאָנען אויפוועקן דעם מענטשלעכן בליקן צו הימלישע חזיונות — —

„מפני שהקול יפה לבשמים“! יאָ, נאָר אַ האַנדלונג־אונטערשיד בשעת'ן רייבן די געווירצן, אַ טאָן נאָר, אַ בלויזע מחשבה, אַ כונה—און וואָסער ניואַנסן אונטערשיד ס'קומט אַרויס, אין אַ באַשטימטן ריח פאַר וועקנדיקע אַסאָציאַציעס.

דער עבודה־צערעמאָניאַל, וועלכער איז געווען מיט זיין איינבילדונגס־



LIBRARIES

קראַפט און געוואַלטיקע פּראַכט אַ נאַציאָנאַלער ווירקונגס־כוח פאַרן יידישן פאָלק נישט ווייניקער, — און נישט געשטאַנען קולטורעל און קינסטלעריש נידריקער, — ווי די אָלימפּישע־ און באַקכוס־שפּילן ביים גריכישן פאָלק, דערגרייכנדיק זיין אייגענע נעגאַציע און פאַרגייסטיקטער דעקאַדענץ פון „למה לי רוב זבחיכם“, האָט זי ממילא געמוזט צוקומען דעמאָלט צו דער העכסטער קאָמיש־טראַגישער וויזיע פון „וגר זאב עם כבש“—צו דער קאָמפּענסאַציע פון אונזער גנאָד־ און געוויסנס־קאָמפּלעקס!

מיט דער דעגענערירונג פון די „בני עלי“־כהנים, וועלכע האָבן שוין געהאָט פאַרלוירן יעטווידעס פּיצעלע חוש פון סדר און גענויקייט: „כל אשר יעלה המזלג יקח הכהן“, וואָס ס'לאָזט צונעמען, צוכאַפּן, אָן שום סדר, אָן שום „צערעמאָניעס“ (אָן שום עסטעטיק און ממילא אָן עטיק!). דעמאָלט ערשט איז אין זיין נויט ענטוויינט געוואָרן דאָס אָפּגעראַטעוועטע קינד און נביאיש אָפּגעענטפערט אויף דעם רעפּליק „ואל תשלח ידך על הנער!“ מיט זיין מוטיקן מענטשלעכן: „הנינו!!“ און דעמאָלט איז ענטשטאַנען די נייע פאַרוואַנדלונג — נישט מער קרענקלעכער געוויסנס קאָמפּלעקס, נאָר טאָטאַלער געוויסנס־קאַמף — דאָס קאָנען אויסטראָגן אַלץ אויף אייגענעם האַרץ.

3

דער נידערגאַנג פון אַ באַשטימטער קולטור־פאָרעם און קונסט אויסדרוק איז, ווען מ'פאַרלירט דעם חוש פאַר פּרעציזקייט, פאַר פּראָפּאָרציע — אַז מ'הייבט אָן צוצולייגן דעם „קורטוב של דבש“ — באמת „חייב מיתה“ איז מען, ווען מ'הייבט אָן צו פאַרזיסלעכן, ואָן אויסדעמפּדיקן ריח־ניחוח, וואָס פאַרלירט שוין זיין עכטן אמת'ן געשמאַק — נישט קולטור איז עס דעמלט נאָר קולט, נישט קונסט ווערט עס דעמלט נאָר שונד. דער נידערגאַנג אָבער פון אַ נאַטור־נאָנטע קולטור און פון אַ געוואַלטיק דערלעבעניש טראָגט אין זיך שוין זיין פאַרוואַנדלונג, זיין ווידערגעבורט—די שעפערישע איינבילדונג איז אויפסניי פּושט צורה ולובש צורה און ס'ענטשטייט די נייע פאָרם.

און אויב דער קאַמף פון די נביאים הראשונים איז נאָך געווען ריין צו האַלטן און צו שטאַרקן די ערשטע קולטור פאָרעם, נישט פאַרמישן צו לאָזן דאָס מענטשן־אָפּפערן מיט דעם קרבן־ברענגען, נישט פאַרמישן צו לאָזן אָבערגלויבישע ווירקלעכקייט מיט פאַרגייסטיקטע איינבילדונג, — די סענטימענטאַלע צעפלאָסענע ווירקלעכקייט מיט דער פעסט געפאָרעמטער איינבילדונגס־קראַפט, — איז אָבער דעם נביא'ס אויפטריט שוין געווען, סיי ווען ער טרעט אויף אַליין, סיי אין מאַסן, אַ ניי־פאַרוואַנדלטע העלדן־ראָלע, אַ אויסגעשריגענע, אַ סוגעסטיוו־געפאָרעמטע. די אליהו סצענע אין „מלכים“ א' י"ח האָט אין זיך די עקזאַקטקייט פון אַ געוואַלטיקן רעזשיסאָר. און די האַנדלונג און די טראַגיק — עס האָט נישט קיין גלייכן אין זיין עכטקייט און געוואַלטיקייט. און פון דעם אַלצדינג וואָלט נאָך קיין שום ווירקונג נישט געשען, ביז אַנווענדיק די פּרעציזקייט פון „שבע פעמים“ און דעמאָלט „ויהי בשביעית“ . . . „אַז אַ קליין וואָלקנדל, ווי די האַנד פון אַ מענטש, איז אויפגעגאַנגען פונם ים — — “ און די טאָטאַלע ווירקלעכקייט געשעט!

דאָס אויפטרעטן פון די נביאים איז תמיד געווען מיט עפּעס אַ רעאַלע האַנדלונג, אַ סימבאָליש־וויזיאָנערישע — אָט צעברעכט דער נביא אַ טאָפּ און זאָגט אָפּ זיין מאָנאָלאָג. און פירט דער נביא הושע נישט אויף אַ גאַנצע טראַגישע חתונה סצענע זיין נביאות פאַרצושטעלן? און פירט יונה נישט אויף אַ דרייאַקטיגע קאָמעדיע, וואָס איבערשטייגט אין אירע עפעקטן די איוב־טראַגעדיע? (וועלכע זאָל שוין לכל הדעות אין זיך האָבן סצענישן אויפבוי).

און די פּרעציזקייט און אייגנאַרטיקע מאָדנעקייט פון יחזקאל׳ס רעאַל־סימבאָלישע האַנדלונגען און סצעניש־וויזיאָנערישע בילדער דערגרייכן דאָך שוין מיט זייער געוואַלטיקייט און פאַרמערישע געניאַלקייט ביז משוגעת — נישט משיג צו זיין מער מיט מענטשלעכן שכל! ווי יעטווידע דראַמאַטיזירטע מענטשלעכע טראַגיק! איז די טראַגיק פון „עדיפּוס״ מיט מענטשלעכן שכל משיג צו זיין?

און איז עס אַ צופאַל וואָס כמעט אַלע נביאים קומען פון אונטער זייערע שעפּסן סטאַדעס אַרויס, און דאָס שעפּסענע פעלעכל, דער „אדרת״, דער פעלענער גאַרטל אויף די לענדן איז זייער צייכן — זייער קאָסטיום? עס איז די צוריק פאַרוואַנדלונג פון יענעם פאַרוואַנדלטן באַראַן אויפן „הר המוריה״; דאָס ווידער אויפנעמען דאָס גרויסע דערלעבעניש, אויסצוטראָגן אויף אייגענעם לייב; אַליין צו ווערן דער שה־פזורה־ישראל, דער שה־נדחה־ישראל — —

בשעת ביי די גריכן האָט זיך לייכט געקאָנט פאַרוואַנדלען זייער געטער־קולט אין אַ מיטאָלאָגיע, האָט ביי אונז יעדער איינער געטראָגן אויף זיך דעם צלם־אלקים. אויב דער טעאַטער קולט און די בינע־קונסט איז ביי די עגעאישע פעלקער געווען ענטוויקלטער און גראַנדיעזער ווי ביים יידישן פאָלק; אויב דאָס דראַמאַטישע און סצענישע געפאָרעמט אין וואָרט און אין „אויסשטאַטונג״ ווירקט אויף דער אייראָפּעאישער בינע עסטעטישער און קינסטלערישער ווי ביי אונז — דער יידישער כאַראַקטער־ראָלן־שוישפּילער אָבער׳ דער קאָמעדיאַנט, דער העלדן־ראָלן־אַקטיאָר איז געווען תמיד דער עכטסטער און שטאַרקסטער אויף אַלע בינעס און איז עס געבליבן ביזן היינטיקן טאָג — זיין ווירקנדיקע איינבילדונגס־קראַפט און זיין מימישע פאַרוואַנדלונג איז דאָס וואָס רייסט מיט דעם צוקוקער.

.4

די פאַרוואַנדלונגען פון „פושט צורה ולובש צורה״ איז געוואָרן אונזער צווייטע טבע! אָבער איבער טויזנט יאָר האָבן מיר אַזוי אָן אַ סדר געמישט די יוצרות, און זיך פאַרפּלאָנטערט ווי יענער ערשטער באַראַן אין געצווייג אויפן באַרג מוריה. מיר האָבן פאַרלוירן די פאַרוואַנדלדיקע איינבילדונגס־קראַפט, די גייסטיקע ווירקונג און ווידער געוואָרן גאָלע ווירקלעכקייט — אַ, ווי שרעקלעך סענטימענטאַל, ווי מענטשלעך טראַגיש, אָן יעטווידע פּרעציזקייט, אָן יעטווידער פאָרעם —

מיר אַליין זיינען געוואָרן די ווירקלעך געשאָכטענע שעפּסן. אין די מיליאָנען האָט מען אונז געפירט צו דער שחיטה־באַנק; ווי קרבן־עולה׳ס געברענט אונז אויף די שייטער־הויפנס —



און איז דען נישט דאָס קריסטנטום מיט זיינע „מאַריען״־ און „מאַרטירער־שפּילן״ און „טויטן־טענץ״ אויפפירונגען, מיט זיינע צערעמאָניאַלן, נישט מער ווי אַ טעאַטראַלער קולט פון יענעם לאָם? אַ בלאַסע אָפּבילדונג און איינבילדונג פון אונזער טראַגיש געוואָרענעם „צלם־אלקים״?

דער אָקסידענטאַלער מענטש, וועלכער האַלט אין איין אַנטלויפן פון זיין גורל; דער סקעפּטיקער, וואָס גלויבט, אַז ענטרינענדיק פון זיין שליחות, באַשטימט ער זיין ווירקלעכקייט, האַלט ער דעם פּאַטוס אין זיינע הענט. ווי מיט צוויי שוים־הינטלעך פאַרשפּילט מיט זיין עטיק און עסטעטיק, ווי אַזוי קאָן ער פּעאיק זיין צו דער גרויסער טראַגישער האַנדלונג און צו דערשפּירן זיין אייגענע קאָמישקייט — אַ ווייטער מהלך פון „קעניג עדיפּוס״ ביז צו „קעניג ליר״! און נאָך אַ ווייטערער פון אַריסטאָפאַנעס ביז צו מאָליער! אָבער אַז אייראָפּע וועט ווידער אָנהויבן, וועט זי מוזן אָנהויבן ביים משוגעת פון ליר, ביי דער איבערמענטשלעכער טראַגיק, מיטן שכל קוים, אָבער דאָך משיג צו זיין, ביים „איינגעבילדעטן קראַנקן״ —

דער געדאַנקלעכער קאַלטער רעאַליזם איבסנס און הויפּטמאַנס ליידנשאַפטלעכע סענטימענטאַלע מיליעס זיינען צו ווירקלעך, אַז ס׳זאָל אין זיך האָבן ווירקנדיק פאַרמעגנדיקע כחות; זייער נישט פאַרטיפטע רעאַליטעט איז צו פערזענלעך פאַראינטערעסירט, אַז זיי זאָלן האָבן אין זיך די שעפערישע איינבילדונגס־קראַפט וואָס פאַרוואַנדלט, וואָס שאַפט די דינאַמישע פאַרענדערונג. שאָ׳ס קלוג־סקעפּטישע איינפאַלן ווידער זיינען צו כהרף־עינדיג און האָבן נישט אין זיך דעם ווייטן פּערפּעקטיוו וואָס מאַכט ערשט דאָס בינע־בילד צו אַ גרויסער קינסטלערישער שאַפונג. און די קלאַסיציסטיק דאַצווישן, מיט געטע בראש, איז זי העכסטנס אַ פאַרפיינערונג פון מאָנאָלאָג און האָט איבערהויפּט אַ קנאַפּע שייכות מיט עכטער דראַמע, כאָטש זיי האָבן אַזוי פיל געוואָלט לערנען ביי די גרויסע גריכן (און אויך ביי שעקספּיר!). און אפשר טאַקע איז דאָס וועלן לערנען אַזוי פיל געווען זייער הויפּט שטרויכלעניש —

אויב דער באַראָק — די שפּאַניער, שעקספּיר און אויך נאָך מאָליער! — איז נאָך פּעאיק צו גרויסע ברייטע פאָרמען, צו אייגענעם אויסדרוק פון דערלעבעניש און האַנדלונג, האָט דאָס בידערמייערטום, דער קליינבירגער זיך געהאַלטן אין איין זיך דערציען צום „בעסערן מענטש״ — נישט קולט ווערט פאַרוואַנדלט אין קונסט׳ נאָר אַלץ ווערט באַקוועמלעכקייט־מיטל, לעבענסגענוס! אפילו די שיינקייט און די קראַפט פונם אייגענעם גוף ווערט גימנאַסטיש־איבונגמיטל און קאָסמעטישער־גרים! דער קליינבירגער שפּירט נית אין זיך די שליחות, די פאַרוואַנדלדיקע טראַדיציע פון דור דורות—ער האַלט אין איין ציטערן פאַרן אייגענעם ביסל לעבן — דער פּחדן וויל נאָר וואָס מער געניסן, ער פילט נישט די פרייד פון שעפערישע געפאַרן! דאָס קאָמישע נעבעכל שפּירט נישט די גרויסע טראַגיק און נישט די דינאַמיק פון האַנדלונג. דער קליינבירגער לעבט מיטן אויגנבליק; ער איז נישט פּעאיק פאַר געשיכטלעכן פּערספּעקטיוו, פאַר גורלדיקע קאָלעקטיווע אחריות.

און אויך מיר, פאַרלירנדיק אונזער שליחות, וועלנדיק אַנטלויפן פון אונ־

זער אייגענעם באַשטימטן גורל, איז אונזער קליינבירגערלעכער וועג אַלץ געוואַנדלט באַרג אַראָפּ פון — פון יעקב גאָרדין ביז קאַלמאַנאָוויטש! און די דראַמאַטיקער אונזערע, אַש, פּינסקי׳ הירשביין, זיינען אין תוך גענומען נישט נייע יידישע פאָרעם — האַנדלונג און פאַרוואַנדלונג! — נאָר יידישע סענטימענטאַלע מיליע, קאַלטער רעאַליזם, העכסטנס סטיליסטישע פאַרטיפונג פון מאַנאָלאָג, פסיכיש־סימבאָליש — אַש, פּינסקי, אפילו הירשביין, זיינען ליטעראַריש־סצעניש! בינע־קונסט, טעאַטראַלע פערוואַנדלונג איז נישט יחידיש־אינדיווידועל, פסיכישע־שטימונג, מאָמענטאַל געפיל־אויסדרוק — עס איז דער טיף, וועלכער וואַקסט אַרויס פון זיין סביבה, זיין האַנדלונג איז סיבה־ומסובב, זי טראָגט אין זיך דעם גורל פון זיין עבר און עתיד.

5.

אברהם גאָלדפאַדען׳ס גרויסער אויפטו איז געווען אונזער טויזנט־יאָריקן אייראָפּעאישן לעבנס־שטייגער צו פאַרוועבן מיט אונזער אַלטער יידישער העלדן־ און פאַטריאַרכן־געשיכטע׳ מיט אונזער טראַגיש־פאַרקאַמישטער, קולטור־ און קולט־פאַרמישטער טראַדיציע און אַזוי אַרום אַנהויבן אַרויסבאַקומען יידישלעך־אייגנאַרטיקע בינע־אַטמאָספערע — יענעם שטיינבאַך געוואַלטיקן באַראַן, פונם „הר־המוריה״־באַרג האָט ער פאַרוואַנדלט אין „גאָלדן ציגעלע״ און עס געשטעלט „האַנדלען מיט ראָזינקעס און מאַנדלען״ „אונטער יענקעלעס וויגעלע״. און דעם יהי־רצונדיק־פאַרוואַסערטן אין דעם שוין פאַרקאַנטאָרטן חזן האָט ער, קודם, אויף די בינע־ברעטער געוואָלט אַרויסראַטעווען . . .

יאָ, גאָלדפאַדן האָט שוין אָנגעהויבן גענוי צו סאָרטירן די „תורה״ פאַר „די בעסטע סחורה״! אָבער די שונדיסטן פון איין זייט, וואָס קיין דבר־שבקדושה איז נישט צו הייליק פאַר זיי און קיין טמא־זאַך נישט צו אומריין, אויסצונוצן פאַר זייערן אַ מינדסטן עפעקט, האָבן באַלד ביים אָנהויב שוין פאַרמישט די יוצרות. אויפן מיאוסטן פלאַץ וועט אַזאַ איינער עפענטלעך אַ קיצל טון, אַבי זיך איינצושמייכלען ביים „עולם גולם״ — „כל אשר יעלה על המזלג״ וואָס ס׳קומט אַזאַ איינעם אין דער האַנט אַריין, די רעליגיעזסטע האַנדלונג, דעם שמוציקסטן וויץ וועט ער אַריינוואַרפן אין זיין טשאָלענט־טאָפּ, אַבי עס זאָל אַרויס זיין „באָמבע״, זיין טראָפּעפדיקע שמאַלץ־קוגל, די פינגער צו באַלעקן...

און ווידער פון דער צווייטער זייט, אונזערע ערנסטע דראַמאַטישע סצענעשרייבער האָבן צו אָפט די יידישלעכע שטימונג, די יידישע סימבאָליק צופיל פאַרמישט מיט דער טשעכאָווישע שטימונג און מיט דער מעטערלינק סימבאָליק, און וואָס נוגע פאַר דער יידישער דראַמאַטישער פאָרעם האָבן זיי קיין סך נישט אויפגעטון מיט זייער וואָרט־קונסט. דאָס פאָלק האָט עס דערפילט! און די טעאַטער־גייער־מאַסע האָט אפשר רעכט געהאַט בעסער לאָזן זיך יידישלעך אַ קיצל טון אונטערן לעפעלע פונם האַרץ, איידער דעם קאָפּ זיך צו לאָזן פאַרדרייען מיט די כל־ערליי רעאַליסטישע און פסיכישע קאָמפּלעקסן... און אַזוי האָט די יידישע בינע סענטימענטאַל אַראָפּגענידערט צו איר פאַרוויכלערטן מאַמע־קאָמפּלעקס.

אונזערע לעצטע יידישע טאַלאַנטירטע דראַמאַטיקער האָבן עס געוווסט און גע־



זוכט די אויסוועגן, צו פאַרטיפן דעם צופעליקן מאָמענט אין אַ לעבענס האַנדלונג, אַרויסצובאַקומען מיט סצענירונג נישט נאָר שטימונג נאָר אַטמאָספערע, אָבער דעם יידישן שוישפילער, מיט זיין אומיטלבאַרקייט, מיט זיין נאַטירלעכע דירעקטקייט איז עס געלונגען: דער ווילנער־און הבימה־„משולח״, דער האַרלעקין־טיפּ פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער, שוואַרץ מיט זיינע העלדן־ראָלן־רעפּערטואַר, און בינע־באַלייכטונגען — —

יאָ, דאָס מאָסקווער יידישע קונסט־טעאַטער,—קאָנסטרוקטיווונדיק אויפלעזנדיקע טראַדיציע אין פעסטער פאָרעם! — האָט אויפגעפּאַסט איר איבערפאָרמענדיקע קינסטלערישע גענויקייט און פּרעציזקייט, איר פאַרוואַנדלונג פון טראַדיציע אין קולטור, פּונקט ווי אַ פרומער ייד זיין קולטישע האַנדלונג — ווי אַ „דופן עקומה״ צו אַ סוכה האָט מען גענומען רעכענען און צושניידן די קוליסן; ווי איבער אַ משהו חמץ אויפן סדר־שיסל האָט מען געציטערט איבער יעדן קוצו של יוד פון אינסצענירונג — די פאַרוואַנדלונג פון קולט צו קונסט, פון טראַדיציע צו געפאָרעמטע קולטור איז געווען מיט דער אַבסטראַהירונג און אַסאָסיאַציע פון אַלע אונזערע יידישע און יידישלעכע מנהגים און תנועות — אונזער טויזנט יאָריקער אייראָפּעאישער לעבנס־שטייגער, אַרויסקוקנדיק דורך די גענוי־געשליפענע מעטדעלע שפּאַקולן פונם אינסצענירטן „בנימין השלישי״.

און ס׳איז געווען שימעלע סאָראָקעס, מיט זיין גענויער סענטימעטער־מאָס און „שער און אייזן״, וואָס האָט די עמך־קאָסטימען אויף אַ האָר־צוגעשניטן און פאַסנדיק אויפגענייט פאַרן יידישלעכן „בדחן״ און גאָלדפאַדנס „מכשפה״.

וועט אייראָפּע פּעאיק זיין, נאָך די רעאַלע ווירקלעכקייט, מיט אַזוי פיל בלוט און טרערן אַזוי סענטימענטאַל טעאַטראַל אָפּגעשפּילט צו זען איר שליחות? צו דערפילן איר טראַגיש־קאָמישקייט? נישט מער וועלן אויסווייכן איר באַשטימטן גורל? האָט דער קליינבירגער איצט שוין פאַרשטאַנען די שעפערישע פרייד וואָס גייט אויף פון בלוטיקער חבלי־לידהדיקער געפאַר?

* * *

און אויב מיר וועלן ווייטער וועלן לעבן,—און מיר מוזן!—אויף אייראָפּעאישן באָדן, וועט נישט איבערבלייבן עפּעס אַנדערש — די גורלדיקע פאַרוואַנדלונג אונזערע איז געשען! אַ נייע איינבילדונג, אַ געוואַלטיק ווירקנדיקע, — טראַגישער נאָך ווי אונזער ווירקלעכקייט! — וועט מוזן, מיט גייסטיקסטער גענויאיקייט און פּרעציזקייט געפאָרעמט ווערן. אָ, די רציחישע סיסטעמאַטישקייט און פּרעציזע גענויקייט אונז צו פאַרטיליקן — — —

אונזער פאַרוויכלעכער מאַמע־קאָמפּלעקס, — עפעקטיוו און דעפעקטיוו מיט אונזער בלוט און טרערן אַזוי סאַדיסטיש און סענטימענטאַל פאַרמישט!— מיט דער מאַמע רחלס סענטימענטאַלע געוויינען, מיט שרה בת טובים מענה־לשון ווי־געשרייען, אַזוי ברוטאַל און אכזריותדיק אים דערלעבט, אַזוי איבער יעטווידער מענטשלעכע איינבילדונג־קראַפט און יעדער סאַדיסטישער פאַנטאַזיע פאַרשטעלונג, — אַז אויב מ׳קאָן נאָך לעבן בלייבן אַלס שעפעריש קולטור־פאָלק, מוז דאָך אַזאַ געוואַלטיקע וויזיע אויפגיין, אַזאַ קריסטאַל געשליפענע און הייליק געלייטערטע, אַז די נבואה פון „וגר זאב עם כבש״ האָקעגן איז נאָך ווירקלעכקייט און רעאַליטעט.

י. ביטש

## די פייערליכע באגריסונגען לכבוד איציק פעפער און ש. מיכאעלס

ביי ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס אין יידישן שעלטער, מענסעל סטריט.

אין דעם גרויסן זאַל פון יידישן שעלטער, 63 מענסעל סטריט, איז שבת דעם 30־טן אָקטאָבער פאָרגעקומען אַ פייערליכער ליטעראַרישער שבת נאָכמיטאָג לכבוד די חשוב׳ע געסט ש. מיכאָעלס און דער דיכטער איציק פעפער.

דער גרויסער זאַל איז געווען איבערפילט ווי תמיד מיט מענטשן, וואָס צייגט, אַז די ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס זיינען אַ טרייסט פאַר דעם יידיש־רייזענדיקן עולם אין דער איצטיגער שווערער צייט.

א. נ. שטענצל אַלס פאָרזיצער באַטאָנט, אַז דער ליטעראַרישער שבת־נאָכמיטאָג איז ספּעציעל געווידמעט דעם פּאָעט איציק פעפער פאַר זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען. ער איז בלי ספק איינער פון די באַגאַבטסטע איצט יידישע דיכטער אינם סאָוויעטן פאַרבאַנד, וואָס האָט דורך זיין מוטיק וואָרט געוועקט די יונגע יידישע דיכטער צום קאַמף, און באַזונגען דעם אויפגאַנג פון דער נייער צייט. אויב דאָס רוסישע יידנטום האָט געשיקט איהרע ערשטע שליחים דעם פּאָעט איציק פעפער און דעם בינע־קינסטלער שלמה מיכאָעלס, איז עס דער בולטסטער אויסדרוק פון דעם נייעם געשאַפענעם דאָרטן.

משה עובד אין זיין פאָרטראָג האָט ריכטיג אָנגעוויזן אַז אין רוסלאַנד אונטער די צאַרס האָט דער אַנטיסעמיטיזם פריי געבושעוועט פאַר הונדערטער יאָרן, איז אין ראַטן־פאַרבאַנד די מיאוסע קראַנקהייט אין אַזאַ קורצע צייט אין גאַנצן אויסגעהיילט געוואָרן. דאָס מוז מען באַוואונדערן און עס קומט דעם לאַנד אַ גרויסן שבח, און נאָר אין אַזאַ לאַנד קענען ווערן דערצויגן אַזעלכע מוטיקע און ליכטיקע גייסטער ווי איציק פעפער און ש. מיכאָעלס.

חזן פייגענבלום האָט שטאַרק אויסגענומען מיט זיין אייגנאַרטיקן זינגען דאָס ליד „ווער בויערט די שטילקייט“ און די „שבועה“ פון דעם דיכטער איציק פעפער. די מוזיק האָט חזן פייגענבלום ספּעציעל פאַרפאַסט צו די צוויי לידער.

זער איינדרוקספול האָט ניסענבוים רעציטירט „דער שינעל“ און געזונגען דאָס ליד „דער נאַקעטער יונג פון די בלאָטעס“. די וואָרט־קינסטלערין דאָראַ דימענט האָט ווי אַלע מאָל שיין דעקלאַמירט די באַלאַדע „וועגן קאַניעוועער באַרג“ פונם דיכטער איציק פעפער; אויך האָט אייזיק גאָלדבערג זער געפילפול פאָרגעבראַכט דאָס ליד „איך בין אַ ייד“. עס האָט נאָך א. נ. שטענצל רעציטירט אַ ליד פון פעפערן „דער זיג“.

עס האָט נאָכגעפאָלגט אַ קליינער באַנקעט. ס. פעלטען האָט געזונגען רוסיש־יידישע לידער און אַ טאָאַסט פאַר די רויטע־אַרמיי.

שבת דעם 6־טן נאָוועמבער איז געווען געווידמעט דעם קינסטלער און שוישפּילער פּראָפעסאָר מיכאָעלס. דער פאָרזיצער, א. נ. שטענצל, האָט אין זיין רעדע אָנגעוויזן אַז נישט בלויז שטייט דאָס יידיש־סאָוויעטישע קונסט־טעאַטער אינם סאַמע אויבנאָן, נאָר עס איז אונזער ליכטיקסטער



ווינקל. מיכאָעלס איז אַ גרויסער יידישער בינע־קינסטלער, ער קען דאָס יידישע לעבן, איז ממילא פאַרשטענדליך פאַרוואָס דאָס יידישע קונסט־טעאַטער איז די העכסטע דערגרייכונג. מיכאָעלס פאַרקערפּערט אין זיך קונסט און וויסן און איז דער אויסדרוק פון דעם אידעאַליסטישן העראָאישן און שאַפנדן יידנטום אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

י. א. ליסקי האָט אין זיין פאָרטראָג באַטאָנט אַז מיכאָעלס האָט אָריינגע־שריבן איינס פון די שענסטע בלעטער אין די געשיכטע פונם רוסישן יידישן טעאַטער, מיכאָעלס האָט געשאַפן אַ שולע אין די בינע־קונסט, מיט זיין אייגנ־אַרטיקן צוגאַנג צו זאַכן. און וואויל איז צו דעם אויג וואָס האָט געזען דערמאָלט די אויפפירונג פון „מסעות בנימין השלישי“ פונם זיידן מענדעלע. מיכאָעלס האָט אַ טיפע פאַרשטענדניס פון דעם יידישן כאַראַקטער. נאָר אַזאַ קינסטלער ווי מיכאָעלס האָט געקענט אַרויסברענגען די גרויסע פרייד און עקסטאַז פון בנימין בשעת ער דערזעט סענדערלען, און זאָגט צו אים, נו, סענדערל, אַצינד מיט דעם רעכטן פוס.

י. ביעטש באַגריסט מיכאָעלס, און גיט איבער, אַז די צוויי חשובע געסט זיינען געקומען מיט אַ היסטאָרישע מיסיע, זיי ברענגען אונז אַ גרוס פונם רוסישן יידנטום, די צוויי פערזענלעכקייטן זיינען די ערשטע יידישע דעלעגאַ־ציע צו די יידן פון אַמעריקאַ, גרויס־בריטאַניע א.ז.וו., דאָס מאַכט זייער מיסיע נאָך גרעסער און וויכטיגער. מיר נעמען אויף מיט פרייד דעם גרוס און מיר זיינען שטאָלץ מיט אונזערע ברידער און שוועסטער וואָס קעמפן אין די רייען פון די רויטע העראָאישע אַרמיי אַנטקעגן דעם רשעות וואָס האָט זיך אָנגע־טראָגן אויף דער מענטשהייט.

עס האָט נאָכגעפאָלגט אַ באַנקעט לכבוד די פייערונג פון 26־טן יאָר פון דער רוסישער רעוואָלוציע. עס האָבן גערעדט דער דיכטער משה עובד און די שרייבערין אסתר קרייטמאַן און אַנדערע. א. נ. שטענצל האָט פאָרגעלייענט די סאָנעטן געווידמעט דעם סאָוויעטישן יידנטום.

---

א. נ. שטענצל

## א סאנעטן-קראנץ

(פאַרן העלדישן סאָוויעטישן יידנטום)

1

איז דאָך פאַראַנען אַ בריק איבערן טויט,
אַז צו אונז איצט איר זייט אַהערגעקומען —
פון אַ וועלט אין פלאַמען שוין און צעגומען,
אַ ראַטעווענדיקע בריק ס׳איז אויפגעבויט!

אונטער האַגעל־געשיט פון גליאיקן שרויט,
איבער אויפזידנדיקע בלוטן געשווומען — —
אָ, איך האָב נאָך מיט ציטערן פאַרנומען־
דעם פלאַמען־סוראַנט אין אייער פאַרזענגטע הויט!

רייסן זיך דאָך די ברענענדיקסטע פּיינען,
אַלע הערצער אין פלאַקערהדיק פּעראיינען,
פייערדיק אויפצושיינען פרידיק צעהעלט —
— — — — — — — — —

אין אייערע צעפלאַמטע אויגן איך בליק,
אַלץ געוואַלטיגער גרעסער בויט זיך די בריק,
איבערן בלוטיקן תהום פון דער וועלט.

2

אַז מיר באַטייליקן זיך, אַז מיר נעמען טייל
אין דעם געוואַלטיקן גרויסן איצט אויף דער ערד,
אַז נישט געוואָרן מיר זיינען צעשטערט
פון דעם וויסטן היגטישן „הייל! הייל!" —

אָ, אַז אונזערע יסורים נאָר אויף אַ ווייל,
און נישט אומזיסט זיינען זיי, — עס לוינט, עס איז ווערט?
אויף גאָרער וועלט באַלד ס'וועט ווערן דערהערט
„כי מעולם ועד עולם אתה אל" — —

אונזערע בלוט־פעדעם זיינען דאָך מיט איינגעוועבט,
אין דער פאָן פלאַטערדיק איבער גאָרער וועלט,
און אַלע תליות וואָס פאַר אונז אויפגעשטעלט,

ס'איז די געפעסטיקטע שטאַנג נאָר פאַר דער פאָן וואָס שוועבט
מיט פרידן פאַר יעטווידן מענטש און מיט פרייד — —
אָ, אַז נישט בחינם אונזער צער און לייד!

3

און אַז געקוילעט מען האָט אונז ווי די שאָף,
און צו די שחיטה מ'האַלט נאָך אין איין טרייבן;
נישט פאַרשטיין מען קאָן עס און נישט צו גלייבן,
אַ בייזער חלום אפשר אין מיטן שלאָף — —

איז אַזאַ זינד פאַראַן אַז אַזעלכע שטראָף?
איר אָבער ווי די טיגער ווי די לייבן,
מיט דער גבורה אין זיך אויפצוהייבן,
פון די אכזריותן צו מאַכן אַ סוף —
— — — — — — — — —

יאָ, אַ וויגעלע די וואַקלדיקע ערד,
און דאָס גאָלדענע ציגעלע אונטער איר,
אַ פאַרפייניקטס אַ געקוילעטס זיינען מיר — —

אייך אָבער אַצינד געוואָרן ס'איז באַשערט,
ווי די טיגער ווי די לייבן אויפצושטיין,
און פאַר יעדן פון אונז זיך נוקם צו זיין.



4

אָ, אַז מיר קאָנען נקמה נאָך דערפילן,
איז עס דאָך אַ סימן אַז מיר לעבן;
אַז אַלץ מיר וועלן קאָנען פאַרגעבן,
דאָס הייסע האַרץ צוערשט ס'מוז זיך נאָר קילן.

אין סובות, אונזערע מתים צו הילן,
אונזער לעצטן געדאַנק צו פאַרוועבן,
דאָס־אָ ס'איז דעם שונא'ס גרעסטע שטרעבן,
און מיט שנאה אייביק אונז צו פאַרשפילן.
— — — — — — — — —

אָ, אַז מיר קאָנען נקמה נאָך דערשפירן,
און מיט פלאַמיק אויפבליציקע געהירן
דעם טויט אַקייגן גיין צו לעצטן זיגן,

וועלן מיר זי אויסטראָגן, אַ פאַרבלוטיקטע,
די וועלט אין אונזרע פיינען אַ געמוטיקטע,
אַ ניי־געבוירענע זי צו פאַרוויגן — —

5

„ונער קטן נוהג בם".

אַז אַזוי פיל קינדער געקוילעט און געשאָכטן,
מוז דאָך אַ דערלייזער געבוירן איצט ווערן;
אין מזרח, פאַרן אויפגייענדיקן שטערן,
מוז דאָך עמעצער ווידער זיך שרעקן און פאָרכטן.

אָ, אין בלוט פאַרגאָסענעם, זידיק־אויפגעקאָכטן,
און אין פליסן פון אַזוי פיל הייסע טרערן,
אַז אַזוי ס'מוז די הערלייזונג ווידערקערן,
פאַרן מענטש פאַרן פאַרפלאָגט פאַריאָכטן.

אָ, דאָס לידעלע, דאָס טרויריקע ניגעלע,
אַ געשאָכטן פאַרבלוטיקטס ס'הערט נישט אויף צו טראָפן,
אין אונזערע הערצער דאָס טריפנדיקע קלאַפּן!

יאָ, ס'ציגעלע אונטער יענקעלעס וויגעלע,
נישט מער האַנדלען וועט עס מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען.
— — — — — — — — — —

אין אַ לייב אַצינד האָט ער זיך געטון פאַרוואַנדלען.

6

דאָס שעפעלע און דעם וואָלף און דאָס הייפטעלע קרויט,
ווי אַזוי מ'ברענגט זיי איבערן וואַסער אַריבער,
ווי האָט מען'ס איבעררעכנט מיט חסר, מיט חיבור,
אַז גאַנץ זאָל ס'הייפטעלע זיין און דאָס שעפעלע נישט טויט.

פונקט אַזוי געברענט האָט אויף אַלעמען אונז די הויט,
דאָס שוואַכינקע שפּעלע און דעם לייב דעם גבור
צו ראַטעווען איבערן כבר, איבערן טיבער,
צו דערלייזן דעם מענטש פון יסורים און פון נויט.

אָ, אַז צו אונז איצט איר זייט אַריבערגעקומען,
די צוגעזאָגטע נבואה איך האָב באַנומען:
יאָ אונטער יענקעלעס וויגעלע באַהאַלטן,

טויזנט יאָר נישט נאָר איז דאָס שפּעלע געשטאַנען,
דער לייב מיט זיין גרימיקן ברילן און מיט זיין שפּאַנען,
האָט געטשאַטעוועט דאָרט געצוימט און איינגעהאַלטן.



נישט אַ שוואַכינקע שפּעלע זיך צו לייגן
שפּעטער ווי אַ לייב אַ ווילדער אויפשטיין צו קענען,
מיט אַ גריוועֿ וואָס פלאַקערט און אויגן וואָס ברענען — —
און פאַר יונגע לייבן־שפּעלעך וואָס זייגן

זיינען די דזשאַנגל־וועלדער דאָך שוין די שטייגן,
שטאַבעס־אייזן די פעסטע דעמבעס און די טענען!
יאָ, יענע שפּעלעך־סטאַדעס אָבער מיר זענען,
לריפּעדיק־טוליעדיק און פולע מיט שווייגן,

נאָר פון גרויס רחמנות איינער פאַרן אַנדערן,
לייבן מיר ווערן מיטן אין אונזער וואַנדערן!
און אין די הערצער ס׳טוליעדיקע שרעקן,

פול מיט ציטערן און מיט הייליקן גענאָד,
עס ווערט דאָס בלוטיק קרייזנדיקע כשוף־ראָד,
דאָס אכזריות פון דער וועלט אָפּצומעקן.

## מיטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

(אין יידישן שעלטער, 63, מענסעל סטריט, לאָנדאָן, א.1.—3 אַזייגער)

שבת, דעם 20־טן נאָוו., וועט אליהו פּאַלושאַק האַלטן אַ פאָרטראָג „קענסטו דיין שונא?״

שבת, דעם 27־טן נאָוו. אַ שאול טשערניכאָווסקי מעמאָריעל־פייערונג. שלמה אויערבאַך וועט האַלטן אַ פאָרטראָג.

שבת, דעם 4־טן דעצעמבער, וועט זיין אַ נאָכמיטאָג לכבוד לייב קורלאַנדס בוך דערציילונגען „עס האָט זיך אָנגעהויבן״.

שבת, דעם 11־טן דעצ., לכבוד בן־א. סאָסאָטשעווסקיס ניי־דערשינענעם בוך „שמע־ישראל״.

---

**א. נ. שטענצל**
**6 פּענס**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי, 129־131, קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

45
47
46

לאָנדאָן, ווייטשעפּעל — 15־טן דעצעמבער, 1943!

# א יידישער פאַרלעגער

## דער דרוקער און פאַרלעגער י. נאַראַדיצקי

אויב אונזער קינסטלעריש געשאַפן וואָרט דאָ, אין און פון אונזער ישוב, וועט קאָנען זיין, אין אוממיטלבאַרן־דירעקטן און אין פּאָזיטיוון זין, ווערטפולער מאַטעריאַל פאַרן צוקונפטיקן יידישן היסטאָריקער, אים דינען ווי אַן עכט פאַרטרעט, ווי אַ גוט בילד צו רעקאָנסטרואירן דערמיט אונזער לעבן — דאָס וועט ערשט אָפּ־פּסק׳ענען די געשיכטע! אַלנפאַלס איז עס זייער נויטיק און וויכטיק, אַז דער קומענדיקער געשיכטע־פאָרשער זאָל כאָטש געפינען דעם „נעגאַטיוו״ כדי ער זאָל כאָטש קענען ווי נישט איז עפּעס אַרויסרעטושירן דערפון — פאַרן היסטאָריקער, על כל פּנים, אַרויסצובאַקומען דעם קולטורעלן ניוואָ, דעם געזעלשאַפטלעכן מצב פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע, איז אפשר די לעצטע דערמאָנטע מעטאָדע נאָך „אינטערעסאַנטער אַרבעט״...

קוקנדיק פון דעם בליק־פּונק, ווערט אַלץ געשאַפענע דאָ טייער און ווערטפול! נישט נאָר דאָס געפאָרעמטע קינסטלערישע בוך און דער פּובליציסטישער זשורנאַל, און אפילו די מינדסטע פּאַמפלעט־בראָשור, נאָר יעטוועדעס רבנישע און חסידישע ספר איז קולטור־על וויכטיק און קאָן זיין מאָסגעבנדיק פאַרן קומענדיקן פאָרשער.

פון דעם שטאַנדפּונקט איז דער פאַרלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי ממש אַ גאָלד־גרוב פאַרן קומענדיקן יידישן געשיכטע־שרייבער! פון די סיסטעמאַטישע אַרבעטן פון פּראָפעסאָר צורי׳ס „משפט ישראל״ און דיין אַבראַמסקי׳ס „תוספתא״, איבער סידאָ׳ס „דיאַלעקטיק״ און מייער׳ס „40 יאָר יידיש טעאַטער״ ביז די מטושטשקייטן און פאַרפלאָנטערטקייטן פון דר. זאַנדבערג׳ס „ספר הרפואות״ און רבי גאָלד׳ס גמטריאות, קאָן מען שוין האָבן אַ שטיקל פאָרשטעלונג איבער דעם ביטערן גייסטיק ראַנגלדיקן ישוב דאָ. יאָ, ווען נאָר ר׳ מנשה אַדלערס „מרור דרבנן״ (אַ מין הקדמה צו זיין שאלה ותשובה ספר) אַליין זאָל נאָר איבעריק בלייבן פונם געדרוקטן וואָרט דאָ פאַר די קומענדיקע דורות, וועט עס נישט נאָר זיין נוצלעכער מאַטעריאַל אַרויסצורעטושירן דערפון געוויסע טיילן פונם ענגלישן יידנטום, זייער סאָציאַלן און געשיכטלעכן מצב און „מעמד״ פון זייער סביבה לעבן, נאָר גליאיקער